# בלומינג גראוו שטימע

BLOOMING GROVE VOICE

די פּאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינג גראָוו' והגלילות

**אלול** תשפ"ה

United Jewish Community of Blooming Grove




## לאנגיעריגער רוט 208 און מאונטען ראוד פעססינג לעין פראיעקט פארטיג געווארן



## דרשו את שלום העיר!

## קוואליטי און לייף בולעטין

## קריאה נחוצה מאת רבני העיר למען כבוד ושמירת שבת קדשינו



קריאה נחוצה
למען כבוד ושמירת שבת קדשינו

בקריאה נחוצה למען כבוד ד' ותורתו הקדושה ולמען שמירת שבת קדשינו, שלא יתחלל ולא יבוא לידי תקלה ח"ו במלאכת הבניה ברחובות העיר

לעמוד על משמרת השבת, להפסיק מלאכת העבודה, לעזוב ולסגור כל שטח הקאנסטראקשן בערבי שבתות וימים טובים לכה"פ שתי שעות קודם זמן הדלה"נ

---

## פייער טשיפס פארטיגן די אפיציר טרעינירונג קורסן

---

## ניו יארק סטעיט דעפארטמענט און בילדינגס שטאט אפ באזוכן אין ווילעדזש

---

## דריטע פראדוקטיווע דעוועלאפערס און בויער קאנפערענץ אפגעהאלטן מיט סוקסעס

---

## ניו יארק סטעיט דעפארטמענט און יוסטיץ שענקט אפּראוועל צו גרינדן ווילעדזש פובליק סעיפטי דעפארטמענט

---

## וויכטיגע זאונינג סורוועי! ערווארט אין פאסט קעסטל אן אינפארמאטיווע און דעטאלירטע אנקעטע

## ערווארט אין די פאסט די יערליכע רייכע יום טוב קופאנס פעקעדש



# עקזעקיוטיוו סירקל ביזנעס צענטער מאכט גרויס פארשריט

בעזרת השם יתברך מאכט דער פראיעקט גרויס פראגרעס דורכאויס די לעצטערע וואכן, ווי די בייפארער זעען טעגליך אויף רוט 208 די מאסיווע קרעינס און הייב-מאשינען וואס זענען טעטיג ביי דעם שטח, ווי עס בויעט זיך אויף א הערליכער בנין כלול ומשוכלל מיט אלע צוגעהערן פאר א פראפעסיאנאלע ארבעטס פלאץ, אזוי אויך ווערט אריינגעלייגט דורך די דעוועלאפער קאפ און מח אינעם אינערליכן דיזיין און אויסשטעל עס זאל זיין אויסגעהאלטן אידישליך, זיכער צו מאכן אז דער בנין קומט נאך אלע מאסנאמען פון גדרי הצניעות, ווי צום ביישפיל גאר ברייטע האלוועיס און באזונדערע עלעוועיטארס פאר מענער און פרויען, תשואות חן להם.

דער בנין וועט אויך אנטהאלטן א בית המדרש וואס איז מיוחד צו האבן שיעורי תורה דורכאויס דעם טאג און פאר מניני התפילה.

דער בנין איז א חידוש מיט דעם קאנצעפט אז אפיסעס ווערן פארקויפט און נישט פארדינגען.

דער פראיעקט שטעלט פאר בקרוב א ברייטע אויסוואל פון פרנסות און ארבעטס געלעגנהייטן פאר אנשי שלומינו סמוך לעיר אויף א גאר פראקטישער און באקוועמער שטאפל.





# פייער טשיפס פארטיגן די אפיציר טרעינירונג קורסן

אין א פאזיטיווע אפדעיט פון די אויפקומענדע ווילעזדש פייער דעפארטמענט, האבן די וואך אלע דריי פייער טשיפס פולשטענדיג געפארטיגט די פייער טשיף און אפיציר קורסן, וואס איז א גאר קאמפליצירטע קלאס וועלכע נעמט אריין א קייט פון פילצאליגע טעמעס, בכדי צו קענען ווערן קלאסיפיצירט און סערטיפייד אלס א פייער טשיף צו קענען פירן די דעפארטמענט.

ברוך השם אלע דריי טשיפס האבן געפארטיגט און פולשטענדיג אויסגעצייכנעט די קלאסן.

עס איז אריין אין די קלאסן וואכן ארבעט, ווי די קורס דעקט פינף קאמפליצירטע טעמעס, און נעמט איבער 70 שטונדן צו פארטיגן, דאס ברענגט דעם דעפארטמענט נאך א שטאפל נענטער צו קענען געעפנט ווערן בעזהשי"ת אין די ריכטיגע מינוט בשעה טובה ומוצלחת.

פאלגט נאך ווייטערדיגע מודעות איבער דעם ערעפענונג פונעם דעפארטמענט.


NEW YORK STATE
OFFICE OF FIRE PREVENTION AND CONTROL
TRAINING CERTIFICATE


NEW YORK STATE
OFFICE OF FIRE PREVENTION AND CONTROL
TRAINING CERTIFICATE


NEW YORK STATE
OFFICE OF FIRE PREVENTION AND CONTROL
TRAINING CERTIFICATE


NEW YORK STATE
OFFICE OF FIRE PREVENTION AND CONTROL
TRAINING CERTIFICATE


NEW YORK STATE
OFFICE OF FIRE PREVENTION AND CONTROL
TRAINING CERTIFICATE

# VILLAGE OF SOUTH BLOOMING GROVE

811 Route 208, Monroe, NY 10950 · Phone: 845-782-2600 · Fax: 845-782-2601
P.O. Box 295, Blooming Grove, New York 10914 · www.vosbg.com

**Mayor**
George Kalaj

**Deputy Mayor**
Abraham Weiss

**Trustees**
Yitzchok Feldman
Asher Guttman
Zalmen Rosner

**Village Counsel**
Scott Ugell

**Special Counsel**
Ira Immanuel

## וויכטיגע מודעה
# ווילעדזש וואסער באנוץ רעגולאציעס



אויף די אפיציעלע פארלאנג פון די **אראנדזש קאונטי דעפארטמענט אוו העלט** און בכדי צו פארמיידן א גרעסערן חלל אינעם שוין יעצטיגן וואסער מאנגל אינעם ווילעדזש, האט דער ווילעדזש באורד אפגעשטימט צו

# פארלענגערן די וואסער באנוץ איינצוימונגען

## וועלכע איז שוין אין קראפט פאר די לעצטערע צייט

**וואס פארבאט צווישן אנדערע דאס אנפילן סווימינג-פולס, זיך באנוצן מיט וואסער ספרינקלערס פאר די גראז און די גראונדס, אפוואשן אויטאס הייזער, וכו'.**

עס איז וויכטיג צו דערמאנען, זיך צו רעכענען מיט אייערע שכנים, און ווען איר **פילט אן א סווימינג פול, זענט איר א גוזל את הציבור** און איר מאכט שאדן פאר די ווילעדזש, וואס צוליב דעם **גייט ארויף די טעקס פון אייך, פון אייער שכנים און פון די גאנצע שטאט** און עס איז גורם גרויסע הזיקות.

דער ווילעדזש האט א מאנגל פון וואסער אויף די מינוט, מען טוט אריין טאנקירן יעדע טאג אינעם ווילעדזש אמווייניגסטענס 12 טאנקערס וואסער טעגליך בכדי שלא יחסר המזג, עס זאל זיין גענוג זיך צו באגיין.

**עס איז נישט קיין יושר און עס איז אן אומרעכט, ווען איר טוט דאס זענט איר גורם אז אייערע שכנים זאלן נישט האבן קיין וואסער פאר די טאג טעגליכע ווירטשאפט.**

מיר טוען בעטן נאכאמאל בכל לשון של בקשה, נישט אנפילן קיין סווימינג פולס און נישט באוואסערן די גראז, און נאר נוצן וואסער לויט די איצטיגע רעגולאציעס, בלויז פאר וויכטיגע צוועקן, בכדי צו פארזיכערן די סופליי פון וואסער פאר אלע איינוואוינער אינעם ווילעדזש.

**די ווילעדזש ארבעט אויף פילצאליגע פראנטן צו פארבעסערן די סיטואציע, אבער אויף די מינוט זענען מיר נאך אלס אין א וואסער מאנגל.**

מיט דאנק פאר אייער פארשטענדעניש און קאאפעראציע דורך זיך צושטעלן צו די רעגולאציעס.

**פאר סיי וועלכע פראגן אדער קאמענטארן, רופט אריין צום ווילעדזש האלל אויף 845-782-2600.**

בכבוד רב
**דער ווילעזש**

# בייקס און סקוטערס סעיפטי
# וויכטיגע דערמאנונג

**ווי מיר האלטן איצטערט אין די זוממער טעג און ווי פארשטענדליך שפילן די קינדער מער אויף די לאקאלע גאסן, פילן מיר פאר וויכטיג צו דערמאנען די עלטערן איבער די סעיפטי און זיכערהייט כללים וואס מען ברויך ציוויסן געבן פאר די קינדער, וויאזוי צו זיין פארזיכטיג ביים זיך שפילן אויף די ראודס און אויף די גאסן, ספעציעל ביים שפילן מיט בייקס און סקוטערס.**

1. **אנטאן א העלמעט:** מען קען שרייבן לאנגע שורות און עס וועט קיינמאל נישט זיין איבעריג, איבער דאס וויכטיגקייט פון גיין מיט א העלמעט ווען מען רייזט מיט א בייק אדער סקוטער, דאס איז וויכטיג פאר קינדער און עלטערע צוגלייך. מאכט זיכער אז די העלמעט איז די ריכטיגע מאס פאר דעם רייזענדער.

2. **רייזן אויף די זייט פונעם ראוד:** מאכט זיכער אז אייער קינד טוט רייזן און זיך שפילן בלויז אויף די זייטן פונעם ראוד. עס איז אויך גאר וויכטיג צו האלטן אן אפענע אויג פאר לעכער, קעטש בעיסינס און סיי וועלכע אביעקטן מען קען זיך אנשטויסן, ווען מען רייזט אויפן ראוד.

3. **טראפיק לייטס:** ווען מען רייזט אריבער א ראוד, לערנט די קינדער צו בעטן אן ערוואקסענעם בעפאר אריבערגיין די גאס. טראפיק ליכט רעגולאציעס איז אינפארסירט פאר אויטאס, בייקס און פיסגייער צוגלייך.

4. **בליינד ספאט"ס:** סקוטערס און בייקס האבן נישט קיין שפיגלען, עס איז קריטיש וויכטיג מסביר צו זיין פאר די קינדער אז זיי זאלן זיין באוואוסטזיניג איבער דעם ארום, סיי פון אנדערע בייקס און סקוטערס און אוודאי פון קארס - בעפאר זיי פארן אריין און ארויס פון דרייוועיס און גאסן, און בעפארן אריבערגיין פון איין זייט גאס צום צווייטן.

5. **רייזן שנעל:** לערנט אייערע קינדער נישט צו רייזן מיט א שנעלקייט אויף בייקס און וויאזוי אראפצוטאנצן פון א בייק אדער סקוטער, אויב די ברעיקס ארבעטן נישט און עס איז שווער זיך אפצושטעלן.

6. **רעגן:** ווען עס רעגנט אדער ווען די ראודס זענען נאס און גליטשיג, מאכט זיך פיל מאלפונקציעס מיט די ברעיקס. מערסטנס בייקס און עלעקטרישע סקוטערס זענען נישט אויסגעשטאטעט צו קענען פארן אויף נאסע ראודס.

7. **ביינאכט:** בייקס און סקוטערס זענען גאר אוממערקבאר אין די נאכט שטונדן, מאכט זיכער אז די בייק האט כאטש איין שטארקע לייט פון פארנט און פון הונטן, **און אז דער רייזענדער האט אן רעפלעקטארס.**

8. **פיסגייער:** פיסגייער האבן אייביג די "רייט אוו ווער". אויב די גאס איז צו שמאל, שטעלט אפ דעם סקוטער און קומט אראפ פון אייער בייק ביז דער פיסגייער איז אדורך.

9. **מעכאניקס און פונקציעס:** עס איז וויכטיג אפט איבערצוקוקן די בייקס און סקוטערס, זיכער צו מאכן אז עס טוט פולקאם פונקציאנירן און אז די ברעיקס, רעדער און האנד-הענטלען ארבעטן ווי עס ברויך צו זיין, און ווי אויך אז די לעקטערס פונקציאנירן און אז עס ווערט געזען פונדערווייטנס.

**כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך.**

# פראדוקטיווע זיצונג אפגעהאלטן מיט טשעסטער טאון סופערווייזער איבער טשעסטער פרעזערוועישאן שטייער ביל

די טשעסטער טאון גרייט זיך צו פרעזענטירן צום סטעיט אסעמבלי און סענאט א ביל איבער לאנד פרעזערוועישאן טעקסעס, צו איינקאסירן א נייע שטייער צו קענען דערמיט איינהאנדלען אפענע שטחים לאנד אינעם טאון און טשעסטער.

"לאנד פרעזערוועישאן פאר אפען ספעיס" איז א מהלך וואס איז אנגענומען אין די דארפישע געגנטער מער אפסטעיט, און איז איינגעפירט אין געוויסע מוניציפאליטעטן פאר דעם בלויזן ציל צו פרעזערווירן "בלעק דירט פארמלאנד", אבער ליידער איז עס אין די פארגאנגענע יארן פרובירט געווארן געניצט צו ווערן לאקאל אויף א געמיינעם מיטל, צו פראבירן אויסצוכאפן און צו קויפן שטחים לאנד וואס איז קיינמאל נישט געווען קיין פארם, און די ערד דערפון איז אויך נישט מסוגל דערצו, מיט א דירעקטן ציהל צו דיסקרימינירן און אפצוהאלטן אחינו בני ישראל פון קענען קויפן די שטחים און עווענטועל בויען דירות פאר אידן.

אזיווי אינעם עבר, האט די יו.דזשעי. סי. מיט גרויס הצלחה און סייעתא דשמיא, געהאט א שטארקן סוקסעס מיטן ארלעדיגן אן עקזעקיוטיוו וועטא פאר צוויי פון אזאנע מכלומרש'טע "פרעזערוועישאן שטייער" בילס וואס איז געווארן ארויפגעברענגט דורך די טאון און בלומינג גראוו סופערווייזער און איז ביידע מאל געווארן הילכיג וועטאאירט דורך די גאווערנאר יר"ה, איז וויבאלד עס געפינען זיך אחב"י וואס האבן שטח און אויך אידישע האוזינג פראיעקטן וואס האלטן זיך אינמיטן בויען אין טשעסטער,



און וויסענדיג אז עס וועט בשום אופן נישט ווערן דורכגעלאזט, און ווי נאר עס וועט אנקומען צום גאווערנאר וועט עס ווערן וועטאאירט, האט דער טשעסטער טאון סופערווייזער גענומען די פרא-אקטיווע שריט און זיך פארבינדן מיט די עסקני יו.דזשעי.סי איבערצושמועסן די טשעסטער פרעזערוועישאן טעקס ביל בעפאר עס קומט אן צום גאווערנאר'ס טישל.

מען האט איבערגעשמועסט אלע פרטים און מען איז איבערגעגאנגען יעדע קלייניגקייט, זיכער צו מאכן אז די טשעסטער פרעזערוועישאן ביל האט נישט קיין שום דעטאלן און שפיצלען וואס וועט עווענטועל שטערן פאר אחינו בני ישראל, און אז עס איז טאקע בלויז געצילט צו פרעזערווירן "אקטיווע פארמלאנד".

די טשעסטער טאון סופערווייזער האט אריינגעשיקט צו די יו.דזשעי.סי. די ליסטעס פון שטחים וואס די טאון און טשעסטער פלאנירט עווענטועל אפצוקויפן און פרעזערווירן מיט א דיעד רעסטריקציע פאר "אפען ספעיס און פארמלאנד", אז די עסקנים זאלן דאס איבערקוקן זיכער צו מאכן אז קיין שום אידישע אינטערעסן ווערט נישט באקריוודעט דורך דעם טעקס פרעזערוועישאן ביל און נאר אזוי וועט די יו.דזשעי.סי. נישט נעמען קיין שריט צו לאביאירן פאר א וועטא אקעגן דעם ביל.

די עסקני יו.דזשעי.סי. זענען אין די טעג בקשר מיט די טשעסטער טאון, איבערצוגיין זייערע פלענער, זיכער צו מאכן אז אלס ארבעט זיך אויס על צד היותר טוב און עס קומט נישט ארויס קיין שום שאדן פאר אחינו בני ישראל.

**ובשם ד' נעשה ונצליח!**



בס"ד

חברה
שוב"ע
עונג שבת ויו"ט
בלומינג-גראוו
עם מקדשי שביעי כולם ישבעו ויתענגו

United Jewish Community
of Blooming Grove

קופת עירנו
עזרה להוצאת יו"ט לעניי עירך
בלומינג גראוו
• בפיקוח רבני העיר שליט"א •

# ברכת מזל טוב ברכת צלחה ורכב

ברכה מרובה בכל לשון של חיבה
לידידינו החשובים נדיבי לב ותומכי מפעלינו החשובים
שמם הטוב מפארים ומשבחים

מו"ה בנש"ק **משה האלפערן** הי"ו

ושותפו לדבר מצוה

מו"ה **אליעזר יחזקאל שווימער** נ"י

בעלי המפעל המשובח

**BLOOMING**
REALTY

המה הגבורים, גבורי החיל
וואס שטייען יארן לאנג געטריי לכל קדשי בלומינג גראוו
זענען נושא בעול עם הציבור יומם ולילה לא ישבותו

ובמיוחד פאר זייער ברייטהארציגע קביעות'דיגע
**סכומים הגונים במועדים וזמנים**
**לקופת הצדקה לעניי העיר**
ביד רחבה וברות נדיבה בסבר פנים יפות

---

אונזער טיפע וואונטשן פון מזל און הצלחה צום געלעגענהייט פון
פארברייטערן זייער פראפעסיאנאלע פירמע מיט'ן עפענונג פון

**נייע פראכטפולע**
**בלומינג לאקאציע**
**אין צענטער פון שטאט**

---

ויהא רעוא מן קדם אבוהון דבשמיא אז זיי זאלן געבענטשט ווערן מיט שפע
ברכה והצלחה מרובה וסייעתא דשמיא עושר ואושר נחת ושלווה ומתוך בריאות השלימות
ובשמחה תמיד ויזכו לראות נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם וכט"ס

בכבוד ובהוקרה
**הנהלת קופת עירינו**
**בלומינג גראוו**



# ORANGE COUNTY CLERK
# KELLY ESKEW

INVITES YOU TO THE

## ORANGE COUNTY MOBILE DMV UNIT

**PLEASE VISIT: DMV.NY.GOV**
FOR ALL NECESSARY ORIGINAL DOCUMENTS NEEDED BEFORE YOUR VISIT TO THE MOBILE DMV. EXPECT DELAYS DUE TO THE HIGH VOLUME OF CUSTOMERS APPLYING FOR THE REAL OR ENHANCED ID.




## TRANSACTIONS OFFERED

- ALL REGISTRATION TRANSACTIONS
- ALL LICENSE TRANSACTIONS INCLUDING REAL/ENHANCED
- ENFORCEMENT TRANSACTIONS

**FRIDAY, SEPTEMBER 12TH**

10:00-12
CLOSED 12-1
1-3:30

**VILLAGE OF SOUTH BLOOMING GROVE HALL**
**811 ROUTE 208**
**BLOOMING GROVE, NY 10914**

# דריטע פראדוקטיווע דעוועלאפערס און בויער קאנפערענץ אפגעהאלטן מיט סוקסעס

אויף די איניציאטיוו פונעם ווילעזדש, איז דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג פארגעקומען דער דריטע קאנפערענץ אין די סעריע, צווישן אלע דעוועלאפערס, בויערס און קאנטראקטערס וואס טוען ארבעט דאהי, ווי עס האבן זיך אויך באטייליגט די ווילעדזש אינזשעניר, בילדינג אינספעקטאר, קאוד ענפארסמענט און ווילעדזש באאמטע.

ביים קאנפערענץ איז געווארן אויסגעשמועסט ענינים העומדים על הפרק, ווי ברוך השם די שטאט איז מוסיף והולך להרבות חיל ולהרחיב גבולי הקדושה און עס מאכט זיך כסדר פרישע שאלות אין ענינים וואס מען ברויך איבערשמועסן, זאכן וואס מען האט נישט פון פאראויס געזען אדער גערעכנט, און ווי אויך כסדר צו האלטן גוטע קשרים און אן אפענע ליניע פון קאמיוניקאציע פאר סיי וועלכע מצבים עס זאל נאר אויפקומען, איז ביים זיצונג געווארן אויסגעשמועסט פונקטליך צו מאכן זיכער אז די ארבעט פארט ווייטער געשמירט און צו די זעלבע צייט איז עס לטובת ולתועלת סיי פאר די איינוואוינער פונעם ווילעדזש און ווי אויך פאר די נייע דירות פראיעקטן, א שטייגער ווי האלטן די גאסן ריין און פארזיכערט ביי די קאנסטרוקציע און די דזשאב סייטס, אזוי אויך איבער אלע אנדערע אנגעלעגנהייטן.



פון די הויכפטנקטן איז געווארן אויסגעשמועסט דער מאנגל אין אדרעס נומערן, דאס געברויך צו פלאנצן מער און גרעסערעביימער צווישן הייזער פאר פרייוועסי, גארבידזש הייזער ברויכן זיין נאנט צום הויז און נישט צום ראוד, פול-סייז פארקינג ספאטס, וואסער מיטער אפגרעידס א.א.וו. זיכער צו מאכן אז אלעס קומט נאך די פארשריפטן און איז מסודר על צד היותר טוב.

איינס פון גאר וויכטיגע נושאים וואס איז געווארן דורכגעשמועסט, איז אז דער ווילעדזש וועט לעת עתה נישט צולייגן קיין אדרעס נומערן, און אויך וועט מען נישט ערלויבן צו עפענען ראודס פאר וואסער און סוער ליניע הוק-אפס דורכאויס די ווינטער מאנאטן פון דעצעמבער ביז מערץ, צו פארמיידן וואסער מעין ברעיקס און אנדערע שאדנס וואס רופט זיך אפ פיל שווערער דורכאויס די ווינטער מאנאטן, אזוי אז די בויערס זאלן פארטיגן די ראוד ארבעט אין צייט בעפארן ווינטער.

אזוי אויך איז געווען א געלעגנהייט ביים זיצונג פאר די קאנטראקטערס זיך צינויף צורעדן צווישן זיך און מיט די ווילעדזש, ווי עס איז פארגעקומען א "שאלות און ענטפערס" סעסיע, די זיצונג איז געווען גאר פראדוקטיוו און הילפבאר צו די צופרידנהייט פון די באטייליגטע.

דער ציהל פונעם ווילעדזש איז צו אנהאלטן און דורכפירן ענליכע קאנפערענצן יעדע עטליכע מאנאטן, זיכער צו מאכן אז עס איז שטענדיג פארהאן אן אפענע ליניע - שמוע בין אחיכם, אז די קאנסטרוקציע ארבעט אינעם ווילעדזש זאל קענען פארן געשמירט בעזהשי"ת, אן קיין שום אינצידענטן און אפשטעלונגען.

**ובשם השם נעשה ונצליח!**


ביטע טעקסט צו:
845.237.4828
אייער סעל נומער
און אימעיל אדרעס

זייט אינפארמירט!
זיך אויפצוסיינען צו באקומען די
ו. זשעי. סי. טעקסט, אימעיל, און
טעלעפאן אלערטס און אפדעיטס

בס"ד

United Jewish Community of Blooming Grove

Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org

CHAVEIRIM ORANGE COUNTY
חברים דקרית יואל
EMERGENCY VOLUNTEER SERVICES

## ונשמרתם מאוד לנפשותיכם:

# רעפלעקטאר דרייוו!



אין די יעצטיגע וואכן איז פארהאן מערערע פיסגייער און שפאצירער אויף די לאקאלע גאסן, ספעציעל אין די נאכט שטונדן און א גרויסער טייל פונעם ציבור גייט נישט מיט קיין רעפלעקטארס וואס דאס גרעניצט זיך מיט סכנת נפשות ממש.

**דעריבער איז באשטימט געווארן בשיתוף פעולה מיט די חשובע ארגאניזאציע**

## "חברים אוו אראנזש קאונטי"

# א "רעפלעקטאר דרייוו"

## ווי עס וועלן ארומפארן די חשובע וואלונטירן און אויסטיילן רעפלעקטארס פאר די פיסגייער און שפאצירער וואס האבן נישט.

די וואלונטירן וועלן ארומפארן אין די ווילעדזש פאטראל קארס די קומענדיגע פאר וואכן דאנערשטאג נאכט, צווישן די שעות פון 9 אזייגער ביז 10:30 אווענט. אויב ברויכט איר א רעפלעקטאר, קענט איר צוגיין און מען וועט אייך געבן וויפיל איר ברויכט.

עס איז אויך דא צובאקומען רעפלעקטארס ביי

**יו. זשעי. סי. אפיס**
**29 Merriewold Lane South**

**ווילעדזש האלל**
**811 State Route 208**

**די רעפלעקטארס זענען נתנדב געווארן דורך מו"ה אליעזר ווייס נ"י - פייער טשיף**

# ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו יוסטיץ שענקט אפראוועל צו גרינדן ווילעדזש פובליק סעיפטי דעפארטמענט

די וואך האט די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו יוסטיץ אפיציעל געשאנקן דעם פיינעל אפראוועל און געגעבן די גרינע ליכט צו פאראויסגיין מיט די גרינדונג פון די ווילעדזש אוו סאוט בלומינג גראוו פובליק סעיפטי דעפארטמענט.

די ווילעדזש שפאנט אצינד פאראויס צו אויפנעמען א פולע שטאב פון טרעניערטע "לאו ענפארסמענט" פראפעסיאנאלן וואס זאלן ארבעטן אין די דעפארטמענט, ווי מען וועט ענדגילטיג אין די קומענדיגע מאנאטן אוועקשטעלן דעם דעפארטמענט אוו פובליק סעיפטי פאר די זיכערהייט פון די שטאט.

מיר וועלן ווי שטענדיג האלטן דעם עולם אינפארמירט מיט ווייטערדיגע אנטוויקלונגען.

# ראוד קאנסטרוקציע אפדעיט קעפיטאל הילל געגענט

## • ארלינגטאן CUL DE SAC

די ארלינגטאן Cul-de-sac איז אפגעשפארט פאר קאנסטרוקציע, די ארבעט איז געשאצט צו נעמען נאך א מאנאט, ווי מען וועט אינסטאלירן די וואסער, סוער און דרעינעדזש ליניעס, און דאן וועט דער cul de sac צוריק ערעפנט ווערן שוין געפלאסטערט אין איר ענדגילטיגן פארמאט.

עס ווערט צוגעשטעלט דורך די דרכי יושר טראנספארטאציע פירמע א וועגן צו טראגן און ברענגען די יונגערע קינדער פון די הייזער ביז קארנער ווירזשיניע עוו. יעדן צופרי און נאכמיטאג.

דער וועגן איז ערמעגליכט געווארן דורך די דעוועלאפער פון שכונת דברי חיים, תשואות חן להם.

מען בעט די עלטערן זאלן דאס אינאכט נעמען און אינזין האבן צופרי און נאכמיטאג ווען מען גייט צום באס, ווייל די באסעס וועלן נישט קענען ארויפפארן און זיך אויסדרייען אויבן אויף ארלינגטאן דרייוו, דורכאויס די ארבעט.

## • ווירזשיניע עווניו

ווירדזשיניע עוועניו און אזוי אויך א טייל פון רינאוק דרייוו און א טייל פון ארלינגטאן דרייוו וועט ווערן גענצליך אפגעקראצט און איבערגעפלאסטערט.

עס וועט נעמען נאך עטליכע וואכן ביז ווילאנג אלע איינצעלהייטן און פראצעדורן ווערן געפארטיגט, זינט עס איז א רעגירונג פראצעדור וועלכע נעמט לענגער ווי קאמערציעלע פראיעקטן, אבער מיר האפן צו מעלדן בקרוב א פונקטליכע טאג ווען די ארבעט וועט זיך אנהייבן.



**יישר כח פאר אייער קאאפעראציע און פארשטענדעניש!**

בס"ד

United Jewish Community of Blooming Grove
Est. 2019

# United Jewish Community of Blooming Grove

Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org



# וויכטיגע מודעה פאר נייע תושבים
# טראנספארטאציע פאר דעם קומענדיגן זמן הלימודים

בעזרת השם יתברך ובשטו"מ פאנגט זיך אן די

## קומענדיגע שנת הלימודים דאנערשטאג כי תצא, ולמספרם סעפטעמבער 4.

בכדי זיכער צו מאכן אז אייערע קינדער זענען איינגעשריבן צו געניסן פון טראנספארטאציע פאר די קומענדיגע שנת הלימודים און אז אלעס איז מסודר על צד היותר טוב, איז וויכטיג אז איר זאלט רעגיסטרירן אייערע קינדער - העכער פינף יאר, אדער וואס וועלן זיין העכער פינף אין דעצעמבער - תיכף ומיד.

**איר ברויכט ארייגשיקן פאר יעדן קינד די נויטיגע דאקומענטן, וואס נעמט אריין געבורט-סערטיפיקאט, יוטיליטי ביל, נאמען, אדרעס, טעלעפאן נומער, די מוסד און כיתה/גרעיד ווי די קינד וועט לערנען א.א.וו.**

**ביטע נעמט אין אכט:** וויבאלד די רעגיסטראציע פאר טראנספארטאציע דעדליין איז געווען דעם פארגאנגענעם אפריל, וועט איר דארפן ארייגעבן אייער **C of O** כדי זיי זאלן עפענען די רעגיסטראציע פאר אייך, מאכט זיכער אז איר האט עס צו די האנט.

## פארבינדט אייך זאפארט מיט די אפיס פון דרכי יושר טראנספארטאציע אויף
## 845.273.1117 Ext 8

זיי שטייען גרייט אייך ארויסצוהעלפן און צו באגלייטן דעם רעגיסטראציע פראצעדור ביז עס ווערט ענדגילטיג מסודר מיט די סקול דיסטריקט.

### התורה חסה על ממונם של ישראל

## לאזט דאס נישט איבער פאר די לעצטע מינוט, און שפארט אייך איין פיזור הנפש און היזק ממון.

איר ברויכט זיכער מאכן, אז איר באקומט א קאנפירמאציע פון די סקול דיסטריקט אין צייט, בעפאר סעפטעמבער 1, בכדי אז אייערע קינדער זאלן ווערן אפגענומען דורך די באסעס ווי נאר די שנת הלימודים הייבט זיך אן.

### הצלחה וברכה! כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך!

# ברכת מזלא טבא

מתוך שמחה וחדוה לה' אשר כרחמיו וכרוב חסדיו הגדיל לנו, הננו בזה להגיש ולהביע מיטב ברכותינו, ברכת מזלא טבא אל מעלת כבוד ידידינו, האי עושה ומעשה, ברוך הכשרון, רב פעלים בהכשר ויתרון, מוכתר בנימוסין, מופלא ומופלג בכל מדה ומעלה נכונה

איש אמונים, יקר מפנינים, שמו מפארים

מוה"ר

# אשר זאב גוטמאן

הי"ו

## ווילעזדש טראסטי קאמישאנער און פארקס

## עסקן ושתדלן נמרץ עוסק בצרכי ציבור באמונה לכל קדשי בלומינג גראוו

## ובפרטיות שליח ציבור מהימן יומם ולילה לא ישבות למען הצלחת כל עניני הטראנספארטאציע

## לטובת מאות משפחות ויותר מאלף צאן קדשים שלא יחסר המזג ושלא יבוטל התמיד במסירות נפלאה ובחריצות בחכמה ובתבונה בהשכל ודעת

לרגל השמחה הגדולה השורה במעונו, שמחה וחדוה בארמונו

# בשמחת הולדת הבן מזל טוב

**הננו מביעים מיטב ברכותינו: מזל טוב!! נחת לרוב!!**

ומיטב איחולינו צרופות, יזכו לראות רב נחת, כגפן פורחת, כל היום חונן ומלוה וזרעו לברכה, רב נחת ברבי' והמשכה, שכרו הרבה מאוד על פי פעליו, בכל אשר יפנה יהי' עמו ה' אלקיו, ויזכה להמשיך ביתר שאת ועוז, מתוך תענוג שמחה ונחת, עד ביאת גואל צדק, בב"א

כה דברי המברכים מעומק הלב

**איחוד הקהלות**
**בלומינג גראוו**

איחוד קהלות בלומינגראוו

United Jewish Community
Est. 2019
of Blooming Grove

בס״ד

# ברכת מזלא טבא

## א'ז' ישי'ר

בשיר ושבח ותהלה לרוב, נשגר ברכת מזל טוב, להגיש ולהביע מיטב ברכותינו, אל מעלת כבוד ידידינו, האי עושה ומעשה, ברוך הכשרון, רב פעלים בהכשר ויתרון, מוכתר בנימוסין, מופלא ומופלג בכל מדה ומעלה נכונה, אוצר כלי חמדה ומאוד נעלה, מופלג בחכמה ובתבונה, אוהב חסד וגדולים מעשיו, עוז והדר פעליו, מרבה להיטיב עומד לימיננו בימין צדקו בתדירה, וטרם נקרא לו ויאמר הנני הנני בפנים מאירה, שמו הטוב הולך לפניו לשם ולתהלה, ונודע בתוך אמוני עם סגולה, במסירות בנדיבות בשמחה ובפנים מאירה, לו יאתה כל שבח ושירה, ה"ה

הרבני המפואר והנעלה, מוכתר בכל מדה ומעלה, איש חמודות, לב טוב למופת, איש אמונים, יקר מפנינים

מו"ה

# אשר זאב גוטמאן

הי"ו

## ווילעדזש טראסטי

גיל נגיל עמו בעידן חדוותא בעת שהשמחה שרויה במעונו

# בהולדת הבן

## בסימן טוב ובמזל טוב

וצרופה בזה ברכותינו מעומק הלב צרופות ושלוחות, תזכה לרוות רב נחת, כגפן פורי' ופורחת, אושר ועושר במעונך לעד ולנצח, יוסיף ה' עליכם ככם אלף פעמים, בכל שיפנה ישכיל ויצליח במישרים, ועוד רבות בשנים יזכה להמשיך פעליך הכבירים והברוכים, לטובת אחב"י אשר לעזרתך מחכים, ונחת ירווה מלוא חפניים, בנים ובני בנים כשתילי זיתים, לטוב בשיבה דשנים ורעננים, עדי נזכה במהרה לישועת עולמים, בב"א.

כה דברי ידידיך הנאמנים, מכירים ומוקירים, השמחים בשמחתך

**ווילעדזש באורד**

**אברהם משה הכהן ווייס**, דעפיוטי מעיאר

**יצחק פעלדמאן, לייב ראזנער**, טראסטיס

גדול העונים: **יואל שטערן, יצחק עקשטיין**, ווילעדזש עקזעקיוטיוו

**בשם כל התושבים הנהנים מפעולותיך הכבירים**
**לטובת הכלל והפרט**



**Mayor**
George Kalaj

**Deputy Mayor**
Abraham Weiss

**Trustees**
Yitzchok Feldman
Asher Guttman
Zalmen Rosner

**Village Counsel**
Scott Ugell

## דרשו את שלום העיר!

# קוואליטי און לייף בולעטין



בעזרת השם יתברך קומט פאר דאהי א געוואלדיגע הרחבת גבולי הקדושה, ווען פון אלע זייטן און ווינקלען שפראצן ארויס פרישע אידישע הייזער, ווי מען גייט און ווי מען שטייט זעהט מען נאך א הויז, נאך א דופלעקס, נאך א אידישע פאמיליע ציהט זיך אריין, אין ביהמ״ד זעהט מען יעדע וואך נאך א ברוכים הבאים אנאנס פאר א נייע איינוואוינער, כה יתן ד׳ וכן ירבה וכן יפרוץ.

עס איז א מציאות וואס מען האט אזוי לאנג ארויסגעקוקט און ברוך השם מען האלט שוין ביים שניידן די פירות, אבער צו דעם קומט צומאל אויך מיט אומבאקוועמליכקייטן און סייד-אפעקטס, אינצידענטן וואס טוען נעגאטיוו אפעקטירן דעם וואוילזיין פון די איינוואוינער, וואס מאכט זיך ספעציעל ווען עס קומט פאר אזויפיל קאנסטרוקציע אויפאמאל דאהי אין שטאט.

### די שטאט איז נישט קיין קאנסטרוקציע זאון!

הגם, מערסטנס קאנטראקטערס פרובירן דאס בעסטע זיכער צו מאכן אז אלעס ווערט דורכגעפירט לויט די פארשריפטן און מאסנאמען און טוען זיך רעכענען מיט די שכנים, מאכט זיך אבער אמאל -און לעצטנס אביסל מער ווי געווענטליך- אז א קאנטראקטער פארגעסט, און ווי אויך איז פארהאן געוויסע קאנטראקטערס וואס רעכענען זיך נישט מיט די שכנים און מיטן ציבור און פארגעסן אז דאהי איז נישט קיין קאנסטרוקציע זאון נאר א רואיגע שטאט ווי עס וואוינען משפחות מיט עלטערן און קינדער און מען ברויך זיך רעכענען מיט א באזונדערע סענסיטיוויטעט פאר די תושבים און שכנים, טאקע די דאזיגע תושבים וואס האבן ערמעגליכט די פריחת גבולי העיר און אז די קאנטראקטערס זאלן האבן ארבעט דאהי.

אלזא, זיכער צו מאכן אז די תושבי העיר ווערן נישט באקריוודעט און אנצוהאלטן די הערליכע כאראקטער און שיינקייט פון די שטאט, אז עס זאל זיין זויבער און פארזיכערט, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, טוען מיר אצינד אנאנסירן די ״קוואליטי און לייף״ איניציאטיוו, זיכער צו מאכן אז עס ווערט אנגעהאלטן אויף אן אויסגעהאלטענעם שטאפל און צו פארבעסערן דעם קוואליטי און לייף און צו פארזיכערן די רעכטן פאר די איינוואוינער תושבי העיר.

יעדער קען בויען, מיר העלפן אייך בויען, אבער ״נישט״ אויפן חשבון פון ציבור! עס איז וויכטיג אונטערצושטרייכן, ווי מען זען צומאל א פראבלעם, אמאל איז עס אפילו א קלייניגקייט אדער סיי וואס, ווי די שכנים און תושבים ווערן בא׳עוול׳ט, איז וויכטיג דאס צו נעמען אין די האנט, נאך בעפאר עס גייט ארויס פון קאנטראל, בעפאר עס ווערט די נארמע, און



בעפאר עס קומט אן צו א מצב ווי עס איז שוין באמת א סכנה אדער אן ערנסטע פראבלעם.

עס איז די אחריות און די אויפגאבע פון יעדן קאנטראקטער און בעל מלאכה צו בויען לויט די לעגאלע פארשריפטן און מאסנאמען און זיך צוצושטעלן צו די באשטימטע רעגולאציעס וואס טוען פארזיכערן די רעכטן פון די איינוואוינער.

## מיר ווייסן נישט אויב מיר הערן נישט פון אייך!

קומען אין בית המדרש אריין און זיך דורכשמועסן מיט חברים איבער געוויסע פלאגענישן איז זייער פיין, אבער עס קומט נישט אן צו די ריכטיגע אויערן אויף דעם אופן, און עס וועט נישט מסודר ווערן אזוי... עס איז וויכטיג צו טון די גאר קליינע פעולה און אריינרופן און לאזן א מעסעדזש, אדער שיקן אן אימעיל, ווייל אן דעם וועט דער ווילעדזש נישט וויסן אז דער פראבלעם עקזיסטירט. מיט אונזער בעסטן ווילן קען נישט די ווילעדזש אריבער פארן יעדע גאס, יעדע לעכל און יעדע ווינקל, עטליכע מאל א טאג.

מיר ווילן זייער שטארק זיכער מאכן אז די איניציאטיוו ווערט אנגעהאלטן אבער מיר נויטיגן זיך אין אייער הילף, צו העלפן צוזאמען אנצוהאלטן, צו פארשענערן, צו פארבעסערן און צו פארזיכערן די שטאט.

מיר ווענדן זיך צו אייך חשובע תושבים, שטייט אויף אייערע רעכטן: אויב זעהט איר אמאל אן עוולה ווערט באגאנגען, עפעס וואס דארף א פארבעסערונג און א תיקון, הייבט אויף דעם טעלעפאן, שיקט א קלארע מעסעדזש איבער וואס עס גייט פאר און די אדרעס. די ווילעדזש וועט זיך אפגעבן דערמיט ווי אמשנעלסטנס, מיט א פונקטליכקייט. איר ברויכט נישט איבערלאזן קיין נאמען אדער טעלעפאן נומער.

העלפט אונז, העלפט זיך, העלפט אייערע שכינים, העלפט די שטאט לטובת הציבור.

### בולעטין #1



בראשית אנצוהייבן, ווילן מיר אדרעסירן אן אנגעלעגנהייט וואס מיר האבן באקומען מערערע קאמפלעינטס אין די פארגאנגענע וואכן בנוגע הויכע גערודער ביי קאנסטרוקציע סייטס אויסער די ארבעט שעות.

די ווילעדזש קאוד זאגט קלאר אז מען קען נישט אנהייבן ארבעטן פון מאנטאג ביז פרייטאג בעפאר 8 אזייגער אינדערפרי און נישט שפעטער ווי 6 אזייגער נאכמיטאג, זונטאג איז בכלל נישט ערלויבט קיין ארבעט אינדרויסן, אדער סיי וועלכע ארבעט וואס מאכט א גערודער.

אייער משפחה און קינדער זענען בארעכטיגט צו א רואיגע גערודערלאזע אוונט און צו א פולע נאכט שלאף, איר זענט נישט מחויב צו דערליידן הויכע קאנסטרוקציע גערודער בשום אופן.

אויב ווערט איר אפעקטירט פון הויכע גערודער אויסער די ארבעט שעות ביי קאנסטרוקציע סייטס דאהי, ביטע הייבט אויף א טעלעפאן און לאזט איבער אן אדרעס און אויב מעגליך א נאמען פון די קאנטראקטינג פירמע און טוט דאס באריכטן, דער ווילעדזש בילדינג דעפארטמענט וועט זיכער מאכן אז דאס פאסירט נישט נאכאמאל.

**קוואליטי אוו לייף האטליין**

**845.782.2600 ext 311**

Building@vosbg.com

**ווייסט אייערע רעכטן! עס קומט זיך אייך!**

דורכ'ן באריכטן פראבלעמען און מיסברויכן טוט איר זיך אליינס ארויסהעלפן, איר העלפט ארויס אייערע שכנים און איר העלפט צוזאמען אנצוהאלטן די קוואליטי אוו לייף פאר אלע תושבי העיר.

**ובשם ד' נעשה ונצליח!**

בולעטין #2



# שטויב, זאמד און בלאטע פון קאנסטרוקציע סייטס

די ווילעדזש קאוד זאגט קלאר אז יעדע קאנסטרוקציע סייט ברויך נאכקומען די באשטימטע פארשריפטן, זיכער צו מאכן אז די שטויב, זאמד און בלאטע פונעם קאנסטרוקציע סייט גייט נישט ארויס צו די דערנעבנדיגע פראפערטיס אדער צום ראוד.

פון די מאסנאמען וואס ווערן פארלאנגט פון די קאנטראקטערס איז אז יעדע קאנסטרוקציע סייט ברויך האבן אינסטאלירט א טרעק-פעד פון ספעציעלע שטיינער וואס טוט פונקציאנירן ווי א בארשט, וואס דאס טוט אפקראצן די רעדער און רייניגן די קאנסטרוקציע אויטאס און טראקס וואס קומען און גייען, אז די אנגעקלעבטע שטויב זאמד און בלאטע זאל נישט ארויסגיין אינדרויסן.



אזוי אויך פארלאנגט די ווילעדזש אז קאנטראקטערס מוזן וועכענטליך יעדן פרייטאג האבן א "סוויפינג" פארענט פונעם קאנסטרוקציע סייט, אז עס זאל זיין זויבער אויף די גאס אינדרויסן פונעם קוירב.

אייער משפחה און קינדער זענען בארעכטיגט צו א ריינע קלארע לופט און צו א זויבערע שטוב, איר זענט נישט מחויב צו דערליידן שטויב, זאמד, און בלאטע וואס ווערט אריינגעברענגט צו אייך אין שטוב, ווייל די דערנעבנדיגע קאנסטרוקציע סייט קומט נישט נאך די זויבערקייט פארשריפטן און מאסנאמען.

עס קומט זיך אייך א רואיגע, ריינע אטמאספער און סביבה!

אויב ווערט איר אפעקטירט פון שטויב, זאמד און בלאטע פון דערנעבנדיגע קאנסטרוקציע סייטס, ביטע הייבט אויף א טעלעפאון און לאזט איבער אן אדרעס און אויב מעגליך א נאמען פון די קאנטראקטינג פירמע און טוט דאס באריכטן. דער ווילעדזש בילדינג דעפארטמענט וועט זיכער מאכן אז דאס פאסירט נישט נאכאמאל.

**קוואליטי און לייף האטליין**
**845.782.2600** ext **311**
Building@vosbg.com

**ווייסט אייערע רעכטן! עס קומט זיך אייך!**

דורכ'ן באריכטן פראבלעמען און מיסברויכן טוט איר זיך אליינס ארויסהעלפן, איר העלפט ארויס אייערע שכנים און איר העלפט צוזאמען אנצוהאלטן די קוואליטי און לייף פאר אלע תושבי העיר.

**ובשם ד' נעשה ונצליח!**






# ראוד בלאקס ביי קאנסטרוקציע סייטס

דער ווילעדזש בילדינג דעפארטמענט פארלאנגט פון יעדן קאנטראקטער און בויער זיכער צו מאכן אז די ראוד פארענט פונעם קאנסטרוקציע סייט בלייבט שטענדיג פריי, סיי פון קאנסטרוקציע טראקס און סיי פון קאנסטרוקציע מאטריאל, זיכער צו מאכן אז דער טראפיק פלוס פארט געשמירט אן קיין אפהאלט.

אין פאל ווען א קאנטראקטער ברויך אפלאדענען אדער אנלאדענען מאשינען אדער מאטריאל, איז פארלאנגט פון די קאנטראקטער צו האבן סערטיפייד פלעג-מען און טראפיק קאנטראל פערסאנעל, זיכער צו מאכן אז עס קומט נישט צו קיין סכנה און אז די טראפיק ווערט נישט אפגעשטעלט אפילו פאר איין מינוט.

צו דער זעלבע צייט, ווען מען דארף פארקירן א טראק אויף די ראוד, ווערט פארלאנגט זיכער צו מאכן אז די טראפיק ווערט נישט אפגעשטעלט, בכדי די תושבים זאלן קענען ווייטער פארן, סקול באסעס זאלן קענען טראגן און ברענגען די קינדער און אז ח"ו אין פאל פון אן עמוירדזשענסי זאלן די עמוירדזשענסי פערסאנעל קענען קומען און גיין אן קיין שום אפהאלט.

אויב איז דאס א פאל ווי עס איז נישט פארהאן קיין שום אנדערע מעגליכקייט און מען ברויך אפשטעלן די ראוד, איז פארהאן ספעציעלע פארשריפטן וויאזוי זיכער צו מאכן אז אלע איינוואוינער זאלן קומען און גיין צו זייערע היימען אן קיין שוועריגקייטן, דורך צושטעלן א געהעריגע אלטערנאטיווע וועג, מיט נאטיץ בעפאר, אז מען זאל זיך קענען רעכענען דערויף.

עס איז בשום אין פנים ואופן נישט אויסגעהאלטן אפצושטעלן די ראוד אפילו פאר איין מינוט אן דאס נאכקומען די פארלאנגטע פארשריפטן.



אזוי אויך ווערט פארלאנגט פון קאנסטרוקציע קארס און טראקס און אזוי אויך פון קאנסטרוקציע ארבעטערס אז זיי זאלן אלע זיין פארקירט אויף איין זייט פון די גאס, אויף די זייט פונעם קאנסטרוקציע סייט, און זיך נישט צו שטעלן אויףביידע זייטן פונעם ראוד וואס טוט פארשווערן די טראפיק פלוס.

מיר באקומען לעצטנס פילע קאמפלעינטס איבער אזאנע מיסברויכן דאהי.

אייער משפחה און קינדער זענען בארעכטיגט צו פולע צוטריט צו די גאסן אן צו ווערן באלעסטיגט פון בלאקירוגען און שפעטיגונגען צוליב די פארנאכלעסיגקייט פון דערנעבנדיגע קאנסטרוקציע סייטס.

עס קומט זיך אייך א נארמאלע טראפיק פלוס אן קיין אומוועגן!

אויב ליידט איר פון דעם וואס א קאנטראקטער אדער א קאנסטרוקציע סייט טוט פארלעצן די פארשריפטן און שטעלט אפ דעם ראוד, ביטע הייבט אויף א טעלעפאון און לאזט איבער אן אדרעס און אויב מעגליך א נאמען פון די קאנטראקטינג פירמע און טוט דאס באריכטן. דער ווילעדזש בילדינג דעפארטמענט וועט זיכער מאכן אז דאס פאסירט נישט נאכאמאל.

**קוואליטי אוו לייף האטליין**

**845.782.2600** ext **311**

Building@vosbg.com

**ווייסט אייערע רעכטן! עס קומט זיך אייך!**

דורכ'ן באריכטן פראבלעמען און מיסברויכן טוט איר זיך אליינס ארויסהעלפן, איר העלפט ארויס אייערע שכנים און איר העלפט צוזאמען אנצוהאלטן די קוואליטי אוו לייף פאר אלע תושבי העיר.

**ובשם ד' נעשה ונצליח!**

בולעטין #4



# בור ברשות הרבים - אומפארזיכערטע קאנסטרוקציע סייטס

דער ווילעדזש בילדינג דעפארטמענט פארלאנגט אז אלע קאנסטרוקציע סייטס אינעם ווילעדזש זאלן זיין הונדערט פראצענט פארזיכערט, סיי בשעת די ארבעט אז עס זאלן נישט קענען אריינשפאצירן דארט מענטשן אדער קינדער און ח"ו געשעדיגט ווערן, און סיי נאך די ארבעט, אז עס זאל זיין ריין און זויבער און אז די קאנסטרוקציע סייט זאל זיין הערמעטיש פארשלאסן מיט א צוים, אונטער שלאס און ריגל.

אן אפענע קאנסטרוקציע סייט, ספעציעל אין די וויקענדס און אין די שבתים, ווען קינדער שפילן זיך אויף די גאס און גייען אריין אהין איז א געפאר, עס איז סכנות נפשות ממש און א ריכטיגע בור ברשות הרבים און דאס איז אקעגן די פארשריפטן פון די ווילעדזש בילדינג דעפארטמענט.

מיר באקומען לעצטנס פילע קאמפלעינטס איבער אומזיכערע קאנסטרוקציע סייטס, ווי קינדער גייען אריין און קריכן ארום אויף די שטאקן וואס האבן נאכנישט קיין פארמאכטע ווינדאוס און טירן צו די פארטשעס און מיט גרויסע לעכער אין די פלארס וואס גייט אראפ ביז די בעיסמענטס און ווי עס איז פארהאן סכנות'דיגע מאשינען און עקוויפמענט.

עס האט שוין פאסירט אינעם קורצן עבר, ווי קינדער האבן זיך ארומגעשפילט מיט די שווערע קאנסטרוקציע מאשינען און עס איז צוגעקומען צו א פאל פון סכנות נפשות רח"ל.

אייער משפחה און קינדער זענען בארעכטיגט צו א פארזיכערטע סביבה, אז איר זאלט קענען לאזן די קינדער שפילן אינדרויסן אן קיין סכנות און מיט ישוב הדעת און צו וויסן אז זיי גייען נישט אריין בכלל סכנה ביי קאנסטרוקציע סייטס צוליב אומ'אחריות'דיגע קאנטראקטערס און בויערס.

עס קומט זיך אייך א פארזיכערטע סביבה און אומגעגנט מיט הרחבת הדעת ריין פון סכנות און שטרויכלונגען!

אויב האט איר א קאנסטרוקציע סייט וואס איז נישט פארזיכערט אין אייער אומגעגנט, ביטע הייבט אויף א טעלעפאון און לאזט איבער אן אדרעס און אויב מעגליך א נאמען פון די קאנטראקטינג פירמע און טוט דאס באריכטן. דער ווילעדזש בילדינג דעפארטמענט וועט זיכער מאכן אז דאס פאסירט נישט נאכאמאל.

**קוואליטי אוו לייף האטליין**

**845.782.2600** ext **311**

Building@vosbg.com

**ווייסט אייערע רעכטן! עס קומט זיך אייך!**

דורכ'ן באריכטן פראבלעמען און מיסברויכן טוט איר זיך אליינס ארויסהעלפן, איר העלפט ארויס אייערע שכנים און איר העלפט צוזאמען אנצוהאלטן די קוואליטי אוו לייף פאר אלע תושבי העיר.

**ובשם ד' נעשה ונצליח!**



# ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו בילדינגס שטאט אפ באזוכן אין ווילעדזש

אין די פארגאנגענע וואכן האט די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו בילדינגס דאס צווייטע מאל אפגעשטאט א באזוך אין ווילעדזש האלל איבערצוגיין קאנסטרוקציע פלענער, ווי זיי האבן באקומען באריכטן און מסירות אז געוויסע פראיעקטן זענען נישט אויסגעהאלטן לויט די פארשריפטן און אויף געוויסע פראיעקטן וואס די אייגנטימער האבן געטוישט דעם געבוי נאכן באקומען די C of O.

די סטעיט דעפארטמענט אוו בילדינס האט קלאר געמאכט אז זיי וועלן אנהייבן מאכן מער אפטערע ערשיינונגען און עס וועט זיין א גרעסערע אנוועזנהייט פון די דעפארטמענט די קומענדיגע שטיק צייט, זיי גרייטן זיך אויף אראפצוגיין פערזענליך און אליינס דורכפירן אינספעקציעס אויף פראיעקטן וואס זענען אצינד אין די קאנסטרוקציע פאזע און אזוי אויף פארטיגע פראיעקטן, וואס האבן שוין ערהאלטן זייער C of O.



דינא דמלכותא דינא!

מיר דערמאנען דעם ציבור, אז אויב טוישט איר די פלענער נאך וואס איר באקומט אייער C of O איז עס אויף אייער אייגענע אחריות און עס קען אפווארטן מצד די סטעיט שווערע פארלעצונגען אין פענעלטיעס און אזוי אויף פאטענציעלע קרימינאלע קלאגעס איבער פייער סעיפטי וכו', און פאר אומלעגאלע קאנסטרוקציע.

# וויכטיגע דערמאנונג: ווילעדזש פארקינג רעגולאציעס

די ווילעדזש וויל נאכאמאל דערמאנען בנוגע פארקירן אויטאס דורכאויס די זוממער מאנאטן אויף די גאסן אין שטאט, ספעציעל אויף ביידע זייטן.

עס קומען אריין פולע קאמפלעינטס איבער אויטאס וועלכע טוען פארקירן אויף די גאסן, ספעציעל פארענט פון בתי מדרשים, ווי מתפללים טוען פארקירן אויף ביידע זייטן פונעם גאס, וועלכע גרעניצט זיך מיט סכנת נפשות און פיקוח נפש.

ווי אויך שטערט עס דעם טראפיק פלוס ווען באסעס און טראקס קענען נישט דורכפארן, בלאקירנדיג דערמיט די גאסן און שאפנדיג א טראפיק.



די ווילעדזש טוט נאכאמאל דערמאנען דעם ציבור זיך צוצושטעלן און אויספאלגן די רעגולאציעס, און נאר צו פארקירן אויף איין זייט פונעם ראוד, און אויף די דירעקציע פון די טראפיק, די פאליציי וועט דאס שטרענג אינפארסירן.

**ישר כח פאר אייער פארשטענדעניש**

**ווילעדזש טראנספארטאציע דעפארטמענט**

# לאנגיעריגער רוט 208 און מאונטען ראוד פעססינג לעין פראיעקט פארטיג געווארן

בעזרת השם יתברך ובשעה טובה ומוצלחת איז פארטיג געווארן די לאנגיעריגע פראיעקט ביי רוט 208 קארנער מאונטען ראוד צוצולייגן א פעססינג ליניע צו פארגרינגערן די טראפיק פאר די טויזנטער רייזנדע וואס פארן אדורך דעם אינטערסעקשן טאג טעגליך.

דער פראיעקט איז אייגנטליך פון די ערשטע אונטערנעמונגען וואס די איצטיגע ווילעדזש אדמיניסטראציע האט אונטערגענומען תיכף נאך וואס די היימישע באאמטע זענען אריינגעקומען אינעם ווילעדזש אום תש"פ, נאוועמבער 2020 למס', ווי מען האט זיך גראד גענומען ארבעטן צו זען וואס מען קען טאן צו לינדערן די פילע פראבלעמען און די וועכנטליכע און אפטמאל טעגליכע עקסידענטן וואס פלעגן כסדר פאסירן ביי די אינטערסעקשאן.

די פראיעקט האט זיך אנגעהויבן צום ערשט מיט די "טעמפארערי" טראפיק ליכט, וואס האט גענומען קרוב צו צוויי יאר צו ערלעדיגן, קודם צו אויסמיידן די סטעיט די.או.טי. וואס כאטש זיי האבן שוין עפפראווד דעם טראפיק ליכט און אפגעשטימט די פאנדן דערפאר מיט א אינסטאלירונג דאטום פון 2025, האבן זיי אבער געהאלטן -און טוען נאך אצינד- נאכאנאנד אפשטופן די אינסטאלאציע, און דער פראיעקט איז נאך אצינד פארשלעפט, לויט זייער יעצטיגער שאצונג דארף די "פערמאנענטע" טראפיק ליכט ווערן אינסטאלירט אין יאר 2028 למס'.

ווי דער ציבור האט טאקע מיטגעהאלטן דאן, איז תיכף נאך וואס די טראפיק ליכט איז געווארן אינסטאלירט, איז די ווילעדזש געגאנגען צום קומענדיגע פאזע, צוצולייגן א פעססינג ליניע, ווי די פראצעדור האט זיך באלד אנגעשטויסן אין לעגאלע, טעכנישע און פראקטישע שטרויכלינגען, ווען עס האט אלס גענומען א ווייל̇ע פאר יעדן שטאפל צוליב די פארפלאנטערטע אלטמאדישע ביוראקראטישע פראצעדורן וואס האבן אויפגעהאלטן דעם פראיעקט, און צוגאב צו אונזערע גוטע פריינד וואס האבן אונז פראבירט כסדר ארויסצוהעלפן דערמיט.

אבער ברוך השם, נוצר תאנה יאכל פריה, והזורעים בדמעה ברינה יקצורו, ווי ברוך השם דער פראיעקט איז אצינד פארטיג געווארן געווען בשטו"מ צו די הנאה און צו די צופרידענהייט פון די טויזענטער רייזענדע אויף רוט 208, סיי די איינוואוינער פונעם ווילעדזש אוו סאוט בלומינג גראוו און סיי פון אלע ארומיגע מוניציפאליטעטן וואס נוצן טעגליך דעם גאר וויכטיגן אינטערסעקשאן פון רוט 208 און מאונטען ראוד.

עס איז וויכטיג אונטערצושטרייכן, אז אויף די אינטערסעקשאן פארט דורך טעגליך לכה"פ 16,000 קארס לויט די טראפיק שטודיע פון פאראיאר זומער, רייזענדע פלעגן זיצן טעגליך א מינומום פון 15-20 מינוט אדורכצופארן די לייט אין די פארנומענע צופרי שטונדן און באזינדער 20 מינוט אין די נאכמיטאג שטונדן, ברוך השם לעצטע וואך, ווי נאר מען האט געעפנט דעם אויסגעברייטערטן ליניע האט מען שוין געזען א געוואלדיגע דערלייכטערונג פאר יעדן, עס שפארט אפ א געוואלד פון צייט פאר ארבעטער, דעליווערים און ועל כולם טוט דאס עלימינירן אן אומגעהויערע צאל ביטול תורה דרבים און ביטול תורה פון תינוקת של בית רבן אויף א טעגליכע פארמאט.

דער ווילעדזש טראנספארטאציע קאמיטע גייט אצינד צו די קומענדיגע פאזע, מען ארבעטן אויף נאך א טוירנינג ליניע ביים ארויפפארן צו מאונטען ראוד קומענדיגע פון מוזעאום ווילעזדש, אויך ארבעטן די אינזשענירן אויף דעם גרויסן פראיעקט פון אויסברייטערן דעם 208 דורכאויס דעם גאנצן ווילעזדש, אז עס זאל זיין צוויי לעינס צו יעדע זייט מיט ברייטע שאולדערס.

צו די זעלבע צייט, איז מען אצינד פארנומען אין געריכט איבער די מענדזשין בייפעס, וואס דאס וועט נאך פיל מער פארלייכטערן דעם טראפיק, אז מען זאלן נישט דארפן בכלל ניצן רוט 208 ביים קומען פון קרית יואל קיין בלומינג גראוו און צוריק, און אז מען זאל קענען דורכפארן דעם גאר קורצן וועג דורך די גאנזאגא פארק, וואס דאס וועט נעמען קנאפע צוויי מינוט.

כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך!

**ובשם ד' נעשה ונצליח!**



בס"ד

# United Jewish Community of Blooming Grove

Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org



## טייערע און חשובע תושבי בלומינג גראוו

עס איז אצינד דריי יאר פון ווען מען האט איינגעפעדימט די RB ZONING **איניציאטיוו אויפן פארלאנג און לטובת תושבי העיר**.

עס איז אצינד די **צייט פאר חזרה**, צוריקצוקוקן און זיך **דערמאנען פון ווי מיר זענען געקומען, ווי מיר האבן געוואלט אנקומען**, און צוזאמען נעמען די **קומענדיגע שטאפלען אויף ווייטער**, צו בויען און פארשענערן די כאראקטער פון די שטאט.

בעזרת השם יתברך, אין די

# קומענדיגע וואכן וועט איר געפונען אין פאסט קעסטל אן אינפארמאטיווע און דעטאלירטע אנקעטע מיט פילע וויכטיגע פונקטן

**וואס דאס וועט מיט אייער הילף און שיתוף פעולה שטעלן דעם טאן און געבן די דירעקציע פאר די ווילעזדש פירערשאפט פאראויסצוגיין און נאכמער צו פארבעסערן די זאונינג לטב ולמוטב להרחיב גבולי הקדושה בתוככי העיר.**

## נעמט א חלק, מאכט זיכער אז אייער שטימע ווערט געהערט, מיר ערווארטן צו הערן פון אייך!

ובשם ד' נעשה ונצליח!

# ברכת מזל טוב

## לתושבי עירינו שהשמחה במעונם

מעגל השנה - ניסן תשפ"ד - אדר תשפ"ה

הגה"צ ר' **יצחק מרדכי מייזעלס** שליט"א
אבד"ק ראדאוויץ
לרגל אירוסי נכדתו והולדת נינו ונכדתו
והכנסת נכדו לעוהתומ"צ למז"ט

הרה"ג ר' **יואל הלבערשטאם** שליט"א
אב"ד בית שמואל דקיט"ל ד'סאטמאר
לרגל הולדת ונכדתו למז"ט

הרה"ג ר' **מנחם נתנאל יונגרייז** שליט"א
דומ"ץ בית יעקב דקיט"ל ד'סאטמאר
לרגל נישואי בנו והולדת נכדתו למז"ט

הרה"ג ר' **שמואל לייטנער** שליט"א
דומ"ץ בנין יאקאבאוויטש דקיט"ל ד'סאטמאר
לרגל תגלחת בנו למז"ט

הרה"צ ר' **יושע מרדכי לייפער** שליט"א
אדמו"ר מבאגניע נדבורנא
לרגל הולדת נכדתו תחי'

הרה"צ ר' **יודל הורוויץ** שליט"א
אב"ד מעליץ בלומינג גראוו
לרגל אירוסי נכדו למז"ט

הרה"ג ר' **יואל מייזעלס** שליט"א
לרגל אירוסי בתו והולדת בתו ונכדו למז"ט

ר' **יודא נאה** הי"ו
לרגל אירוסי נכדתו והכנסת נכדו
לעהתומ"צ למז"ט

ר' **משה דוד ווייסבערג** הי"ו
לרגל אירוסי נכדו למז"ט

ר' **דוד לייבוש יאקאבאוויטש** הי"ו
לרגל אירוסי נכדתו למז"ט

ר' **בנציון פריעדמאן** הי"ו
לרגל נישואי נכדו והולדת נכדו למז"ט

ר' **שמחה חיים סאנדער** הי"ו
לרגל נישואי נכדתו למז"ט

ר' **אברהם בער יאקאבאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת נכדו ונכדתו למז"ט

ר' **שמשון אליעזר מינק** הי"ו
לרגל הולדת נכדו ונכדתו למז"ט

ר' **שמעון ישראל פאזען** הי"ו
לרגל הולדת נכדיו למז"ט

**אלעזר צבי ווייס** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

ר' **יצחק קובעטשיק** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

ר' **שלמה יקותיאל הערשקאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

ר' **יואל וואגשאהל** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

ר' **שמעון גדלי' יואל קרעמער** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

הר"ר **אהרן שלמה מארגענשטערן** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

ר' **שמואל הערש ווייס** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

ר' **דניאל שאלילאף** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

ר' **חיים ארי' שווארטץ** הי"ו
לרגל הולדת נכדיו למז"ט

ר' **נחום חיים שווארטץ** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

ר' **עזרא אלימלך בלום** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

ר' **דוד ווייס** הי"ו
לרגל הולדת נכדו ונכדתו והכנסת נכדו
לעהתומ"צ למז"ט

ר' **דוד משה צבי בערקאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו והכנסת נכדו לעהתומ"צ
ותגלחת נכדו למז"ט

ר' **יוסף שאול בוכינגער** הי"ו
לרגל הולדת נכדו ונכדתו למז"ט

ר' **שלמה אפרים סאנדער** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

ר' **מענדל ראזענבערג** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

ר' **יוסף שמואל ראזענפלד** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

ר' **חיים גליק** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

ר' **שמעון ווייס** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

ר' **ישראל שלמה פריעדלענדער** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

ר' **יואל אבראמאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

ר' **טובי' מאיר אינדיג** הי"ו
לרגל הכנסת נכדו לעוהתומ"צ למז"ט

ר' **אלי' מינץ** הי"ו
לרגל תגלחת נכדיו התאומים למז"ט

הר"ר **יצחק אייזיק מערמעלשטיין** הי"ו
לרגל אירוסי בנו והולדת נכדתו למז"ט

ר' **יואל אלכסנדר שטערן** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

ר' **לייבל הערשקאוויטש** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

ר' **יוסף ברוך רייך** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

ר' **אליעזר יחזקאל שרגא ווייס** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

ר' **אליעזר דוד סאמעט** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

ר' **אפרים זעלקאוויטש** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

ר' **אברהם אהרן יאקאבאוויטש** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

ר' **אלעזר גרובער** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

ר' **יקיר פריעדמאן** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

ר' **גדלי' אפפעל** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

ר' **יואל אבערלאנדער** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

ר' **שמעון גערטנער** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **אהרן הכהן ראזענבערג** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **לוי גרינבלאט** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **משה קרויס** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **יואל** בר"ש **אבערלאנדער** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

הר"ר **יעקב מנחם מערמעלשטיין** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

הר"ר **אפרים פישל ראבינאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

הר"ר **נפתלי שכנא בערגער** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **גדלי' פעלדמאן** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **יואל פעלדמאן** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **שמואל יודא יארעסלאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **שמואל אינדיג** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **אליעזר ירמי' שמילאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **ישראל חיים הירש** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **שמואל יצחק ווערצבערגער** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **יואל רובינשטיין** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **שמעון עקשטיין** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

הר"ר **מיכאל ברוך ראזענבערגער** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **דוד זיכערמאן** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **שמואל בנימין הכהן פריעדמאן** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

הר"ר **מאיר שמילאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

הר"ר **שלמה פריעד** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **אפרים יושע האלפערט** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **שמעון משה ווייס** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **אשר זאב גוטמאן** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **שמעון מרדכי קופטשיק** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **משה עמרם ליבערמאן** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **אברהם וואלף טירנויער** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **יואל צבי זאבער** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **שמעון יואל שטעסל** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **אברהם דאסקאל** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **פנחס משה גאלדבערגער** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **יואל יושע ווייס** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **זאב יודא גליק** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **מאיר בער ווייס** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **יוסף מענדל האס** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **יואל יאקאבאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **יוסף ווייס** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **יום טוב טירנויער** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **יהודא צבי מענדלאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **יודל וויינבערגער** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **ישראל מרדכי פילאפף** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **צבי אלימלך שמילאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **יחיאל עזריאל אינדיג** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהותומ"צ

ר' **יואל וואלדמאן** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהותומ"צ

ר' **יואל בערקאוויטש** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהותומ"צ

ר' **יואל קויפמאן** הי"ו
לרגל הולדת בנו והכנסת בנו לעוהותומ"צ

ר' **שלמה ווייס** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט והכנסת בנו
לעוהותומ"צ

ר' **מענדל טעסלער** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהותומ"צ

ר' **מענדל רובין** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהותומ"צ

ר' **מרדכי לייב האלצער** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהותומ"צ

ר' **דוד יחזקאל האלפערט** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהותומ"צ

ר' **ישראל שלום קויפמאן** הי"ו
לרגל תגלחת בניו התאומים למז"ט

ר' **משה וויינבערגער** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

ר' **גבריאל חיים ברים** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

ר' **אברהם בנימין שפירא** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

ר' **אשר אנשיל עקשטיין** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

**יזכו כולם לראות רב נחת דקדושה מתוך הרחבת הדעת**

## LOCAL RESIDENTS:

# YOUR MEDS READY FOR PICKUP IN 10 MINUTES.







עקספיריענס און פראפעסיאנאלע סטעף | MULTIDOSE PACKAGING | מיר פארשטייען אייערע אייגנארטיגע געברויכן

Blooming Grove pharmacy

*caring with passion*™

By: RegionRx

Call/Text 845.782.2260
1200 Rt 208
Monroe, NY 10950

**Store:** Sun.-Thu: 9am-9pm | Friday: 9am-till the Zman | Motzei: 1/2 hr. after zman until 12am

**Delivery:** Sunday-Thursday: till 9pm | Friday: 1.5 hr. before the Zman | Motzei: until 12am

STRICTLY CONFIDENTIAL

”בלומינגראוו פארמאסי“ שטעלט צו געשיקטע דעליווערי צו אלע געגנטער, מאקסימום "3 שעה" דורך פרייע דעליווערי, און קארגע "20 מינוט" דורכ'ן ארייננקומען – סערווירט דורך די געשמאקע און פראפעסיאנאלע שטאב מיט פילעריגע ערפארונג

### פראקטישע און גרינגע סיין-אפ:

איך דארפט בלויז איינמעלדן ביים פריימערי דאקטאר, און איר קענט געניסן פון אונזערע וואונדערבארע סערוויסעס

בס"ד

# טראכט איר פון בלומינג גראוו?
# בלומינג ריעלטי!

NUMBER ONE IN SALES IN THIS AREA
1




פארברייטערטע שטאב | העפליכע סערוויס | יעדע סארט אפציע

IF IT'S BLOOMING GROVE IT'S
BLOOMING
REALTY
Ground Up

845-388-1900
INFO@BLOOMINGREALTY.COM
BLOOMINGREALTY.COM

בס"ד




# PHONE ORDERS

## שנעלער גרינגער ביליגער

### SPEAK TO A LIVE REPRESENTATIVE:

**SUN:** 9 AM - 5 PM
**MON - THU:** 8 AM – 6 PM
**FRI:** 8 AM - 1 PM

**Call: 845.922.6679**

**Other hours:** Leave a voicemail from 8 AM until 8 PM for same day delivery.

Order after 8 PM, get it delivered next day by 8 AM

FAST DELIVERY

**2-Hour Delivery in Blooming Grove**
3-Hour Delivery in Monroe

# CANOPY®

We've perfected our ordering service – it's now faster, smoother, and more dependable than ever. **Experience unbeatable convenience, service, and pricing — order today!**

**Come Shop (FREE Taxi)**
5 Mangin Rd, Monroe, NY

**Email Your Order**
orders@canopykosher.com

**Order On Our Website**
www.canopykosher.com

**Use Our App***

SUNDAY 8 AM–11 PM | MONDAY 7:30 AM–11 PM | TUESDAY 7:30 AM–11 PM | WEDNESDAY 7:30 AM–12 AM
THURSDAY 7:30 AM–1 AM | FRIDAY 7:30 AM–1 HR BEFORE SHABBOS | MOTZAI SHABBOS 1/2 HR AFTER SHABBOS–1 AM

בס"ד

📍 TREZA ESTATES, BLOOMING GROVE NY

# טרעזע עסטעיטס
# אַ באַגריף.



YALCO | 718.675.6084



גאר נאנט צו קרית יואל



פריוואטע רואיגע דעד-ענד גאס



פאזע #1 ווערט פארענדיגט!

געבויט מיט געפיל און מחשבה
דירעקט פאַר אייער משפחה

CHAIM GLUCK REALTY
eRealtyAdvisors
Licensed Real Estate Salesperson

- WALKING DISTANCE TO CENTER KJ
- UPGRADED LAYOUT AND MODERN DESIGN
- MINUTES TO SHULS AND SHOPPING
- NEWLY DEVELOPED TREZA STREET
- DUPLEXES AND GROUND-LEVEL UNITS
- BONUS ATTIC SPACE

PHASE #2 – 8 DUPLEX BUILDINGS LEFT!

אין האַרץ פון
בלומינג גראוו!

גראָדע רואיגע דעד-ענד!

א שפאַן אוועק
פון קרית יואל!

הויכע-סטאנדארט הייזער
אונטער $300 פער ס.פ.

CALL TO RESERVE A SHOWING:
**845.587.5870**

Request Brochure: sales.cgluckrealty@gmail.com

געבויט דורך: POSITIVE BUILDERS & DEVELOPERS

**חיים גליק ריעלטי** וואו **עקספיריענס** מיט **געטריישאַפט** קומט זיך צוזאַם.

# ערסיוען

## שלושים יום
## קודם החג

ערווארט אין
אייער פאסט
קעסטל




United Jewish Community
Est. 2019
of Blooming Grove

מיר טוען מודיע זיין פאַר די חשוב'ע איינוואוינער, אַז מיר נעמען אצינד אן

# אפליקאציעס פאר די צווייטע קלאס פון טרענירונגן

אין די לאַנג - ערוואַרטעטע

# חברה מצילי אש - בלומינג גראוו

## Village of South Blooming Grove Fire Department

וואָס וועט בעז"ה שטיין צו פאַרפיגן על כל צרה שלא תבוא פאר תושבי בלומינג גראוו, דורך האַרציגע וואָלונטירן מיט אַ געטריישאַפט אין אַלע עמערדזשענסי פעלער

תושבי בלומינג גראוו וועלכע ווילן זיך אָנשליסן אין די רייען אַלס מעמבער אין די 'חברה מצילי אש', קענען אַצינד אַריינגעבן זייער אַפּליקאַציע צום ווילעזדש אויף דעם פאלגנדן אדרעס: www.VOSBG.com/FD

**די אַפּליקאַציעס זענען אפן אויסשליסליך פאר תושבי בלומינג גראוו און פאר די וואס ארבעטן דורכאויס דעם טאג אין די גרעניצן פון דעם ווילעזדש, די יעצטיגע אפליקאציע טערמין איז אָפן ביז דעם קומענדיגן א' סליחות הבעל"ט.**

גלייכצייטיג וועט די "חברה מצילי אש" עפענען אין די קומענדיגע וואכן אַ רייע פולקאָמע קורסן און טרענירונג סעסיעס, פאר Firefighter Training ספּעציעל צוגעשטעלט און אויסגעשטאַט לויט די געברויכן פון היימישע אינגעלייט וואָס ווילן זיך אָנשליסן אין דער הייליגער מיסיע פון הצלת נפשות.

אכטונג: די "בלומינג גראוו חברה מצילי אש" טוט דערווייל נאכנישט אפערירן, פאר סיי וואסערע פייער עמערזשענסי רופט 911

***

ווייטערדיגע דעטאַלן וועלן נאָכפאָלגן אין די נאָנטע וואָכן. ויה"ר שתשרה שכינה במעשי ידינו, וחפץ ה' בידינו יצליח, ובשם ה' נעשה ונצליח!

מיט שעצונג

**חברה מצילי אש - בלומינג גראוו**

**Village of South Blooming Grove Fire Department**

In association with

**חברה מצילי אש**
**Village of South Blooming Grove Fire Department**

29 Merriewold Lane South
Blooming Grove, NY 10950

וואָס באַדייט
ביי אייך דער
פאַקט אַז:

# מען בלאזט שוין שופר?

**פאר טייל פון אונזערע**
**טייערע שכינים מיינט**
**דאָס אַ פרישע דאגה:**

**"אוי, ס'קומען שוין**
**די ימים טובים...**
**וואו נעמט מען**
**די פאַר דאָלער**
**צו אויסשטאַפירן**
**די קינדער מיט**
**קליידונג און**
**שיכלעך און אלע**
**צרכי יום טוב צו**
**אַריינברענגען**
**דעם יום טוב מיט**
**שמחה..."**



**בלומינג גראוו איניינעם**
**וועט פאַרזיכערן "אַ**
**פרייליכן חודש תשרי"**
**פאַר יעדן תושב העיר!**

דאגה'ט נישט
ברודערלעך, שוין!

נעמט אויף די עסקנים מיט שיינע סכומים פאר אונזערע שכנים



## קופת עירינו
עזרה להוצאת יו"ט לעניי עירך
## בלומינג גראוו
• בפיקוח רבני העיר שליט"א •

בס"ד

# United Jewish Community of Blooming Grove

Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org

ברוך השם אזיווי עס איז ניתוסף געווארן די תושבי העיר במידה גדושה און מדי שבת בשבתו פארמערן זיך די שמחות אינעם שטאט כן ירבו, די פאמיליעס ווערן שוין גרעסער, די קינדער ווערן עלטער, אידן הייבן אן חתונה צו מאכן, מען מאכט באווארפנס און שבע ברכות, און מען זוכט ווי צו פלאצירן די משפחה און מחותנים, איז אין די לעצטע צייט אנטשטאנען א גרעסערע פארלאנג פון מענטשן וואס קומען זיך משתתף זיין ביי שמחות און זוכן ווי איינצושטיין און זיך צו פלאצירן.

גדולה הכנסת אורחים יותר מקבלת פני השכינה

אשר על כן, שטעלן מיר צוזאם א

## הכנסת אורחים ליסטע

**פון אוועילעבל שטובער פאר בעלי שמחה,**
**וואס מען קען אריסנעמען אויף שבת**
**און לכבוד א שמחה בלי תשלום גמול.**

**אויב האט איר א הכנסת אורחים שטוב און איר זענט גרייט עס אוועקצוגעבן אויף שבת לכבוד א שמחה, ביטע שיקט ארײן אייער אינפארמאציע מיט די נאמען, אדרעס, טעלעפאן נומערן, וויפל בעטן און וויפל ביה"כ, אויב עס איז פארהאן א באדע צימער, און אויב עס האט א פריוואטע אדער שעיר"ד ארייגאנג,**

**מיר ווען בעזהשי"ת ארויסקומען בקרוב מיט א פולקאמע הכנסת אורחים קווארטיר ליסטע פון תושבי בלומינג גראוו וואס וועט בעזרת השם יתברך צוניצקומען פאר בעלי שמחה תושבי העיר.**

שיקט די אינפארמאציע צו:

Info@ujcbg.org

ובשם ד' נעשה ונצליח



בעזהשי"ת

**שלום וכל טוב סלה אל מע"כ חסידים ואנשי מעשה**
**תושבי ווילעזדש און סאוט בלומינג גראוו יע"א כאו"א בשמו הטוב יבורך,**

הננו בזה בקריאה למען כבוד השבת קודש, בעמדינו בזמן אשר בחסדי השי"ת נתרחב גבולי העיר לארכה ולרחבה, ופרצת ימה וקדמה צפונה ונגבה, **ובארבע כנפות ה'ווילעזדש עומדים בתקופת פרק הבונה, לבנות ולהקים דירות לשלומי אמוני ישראל,** כלולת מגדלים נאים לפי ענין הבנאים.

אמנם היות כי הרחובות מלאים בבעלי מלאכה העומדים לנצח על מלאכת בית ד' לבנות דירות ומקום מושב על הרבה שטחים בקרב ה'ווילעזדש, ואמרו חז"ל **שבזכות שמירת שבת זוכים לנחלה בלי מצרים, וכעת שזכינו שנתרחבו הגבולים בלי מצרים, עלינו לגדור גדר ולעמוד בפרץ** למען **כבוד שבת קדשינו,** שלא יצא ח"ו שום תקלה וזלזול בכבוד השבת במלאכת הבניה.

אשר על כן באנו בזה

# בקריאה נחוצה למען כבוד ד' ותורתו הקדושה ולמען שמירת שבת קדשינו, שלא יתחלל ולא יבוא לידי תקלה ח"ו במלאכת הבניה ברחובות העיר

**דהיות כי מלאכת הבניה יכולה להתמשך ולהתאחר, לכן מפני כבוד השבת על הבעלי בתים החשובים וכל עושי המלאכה (קאנטראקטאר"ס או סאב"ס) העומדים לנצח על מלאכת הבניה,**

# לעמוד על משמרת השבת, להפסיק מלאכת העבודה, לעזוב ולסגור כל שטח הקאנסטראקש"ן בערבי שבתות וימים טובים לכה"פ שתי שעות קודם זמן הדלה"נ

ובודאי שבזכות שמירת שבת כהלכתו וזכות כבוד השבת, יזכו לראות ברכה בעמלם ובמלאכתם, ויתברכו ממעון הברכות בכפלי כפליים, וכל שומר שבת כדת מחללו, שכרו הרבה מאוד על פי פעלו, ובזכות זה נזכה לשמירה עליונה, שכל המשמר את השבת, השבת שומרתו, עם מקדשי שביעי, כולם ישבעו ויתענגו מטוביך, מתוך נחת ושמחה, ואלמלי שמרו ישראל שתי שבתות מיד היו נגאלין, ויה"ר שנזכה לכתיבה וחתימה טובה ושנת גאולה וישועה במהרה בימינו אמן.

**וע"ז בעה"ח למען קדושת השבת בקרב מחנינו יום ד' לסדר שופטים שנת תשפ"ה לפ"ק**

הק' סיני הלברשטאם

מנחם נחמי' הלוי יונגרייז

הק' חיים מאיר
בההגה"צ מוויזניץ שליט"א

# קריאה נחוצה למען כבוד ושמירת שבת קדשינו

**BG shtima**
P. O. Box 808
Monroe NY 10949